„קראס'ז" גערעטעוועט ווינגליערי'ס גרופּע

№ 164 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פּרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

# לאָדזשער טאָגעבּלאַט

| 21-טער יאהרגאנג | 15 lipca 1928 r. | זונטאג, כ"ז תמוז תרפ"ח | [illegible] |
|---|---|---|---|

# אמנעסטיע שוין אריין אין קראפט

## געוואלדיגע היצען אין גאנץ אייראפּא

### אמנעסטיע-געזעץ אריין אין קראפט

#### הונדערטער ארעסטאנטען זענען שוין בעפרייט געווארען פון די ווארשאווער תּפיסות.

ווארשא (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אין היינטיגען נומער פון „דזיענניק אוסטאוו" איז פערעפענטליכט געווארען דאס געזעץ וועגען דער אמנעסטיע. דערמיט טרעט אריין דאס אמנעסטיע-געזעץ אין קראפט. אין צוזאמענהאנג דערמיט האט דער ווייצע-מיניסטער צאר פונאנדערגעשיקט א צירקוליאר, אין וועלכען ער גיט אנווייזונגען און אויפקלערונגען ווי אזוי אנצוווענדען די אמנעסטיע. אין ווארשא איז מען שוין צוגעטרעטען אדורכצופיהרען די אמנעסטיע מ'האט גענומען בעפרייען די ארעסטירטע, וואס געניסען פון אמנעסטיע-געזעץ.

נעכטען האט מען ארויסגעלאזט פון דער מאקאטאווער טורמע 143 ארעסטאנטען כון ציטאדעל זענען בעפרייט געווארען הונדערט ארעסטירטע און פון דער טורמע אויף דליגא האט מען ארויסגעלאזט 243 ארעסטאנטען. פאר ווארשא איז דאס בעפרייען די ארעסטירטע, וועלכע האבען זיך ארויסגעלאזט גרופּענווייז איבער די גאסען, געווען אן אמת'ע איבערראשונג.

### שרעקליכע היצען אין ענגלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, טשעכאסלאוואקיע, און פּוילען.

ווארשא (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט איז געווען אין ווארשא אן אויסערגעוועהנליכע היץ. לויט די ידיעות וואס זענען ערהאלטען געווארען פון גאנץ פוילען איז אומעטום היינט געווען שרעקליך הייס. אין טייל ערטער איז די טעמפּעראטור געווען איבער 40.

אויך אין דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד, עסטרייך און טשעכאסלאוואקיען זענען היינט געווען גרויסע היצען. אין טייל ערטער איז די טעמפּעראטור געווען ביז 45 גראד ווארימקייט.

אין קרים איז די היץ געווען אן אויסערגעוועהנליכע, דערגרייכענדיג ביז 55 גראד.

### ג. פּ. או ארעסטירט קומיסארען טועו פאר נעמען כאבאר.

מאסקווא (טעלעגראפיש דורך יט"א) די ג. פּ. או האט ארעסטירט א ריייה פעראנטווארטליכע פּערזאנען פון די קומיסארען פאר גענומען כאבאר פון סוחרים און שפעקולאנטען וועמען זיי האבען פערקויפט מלוכה-סחורות. ס'זענען ארעסטירט געווארען 18 און עס ווערען ערווארט ווייטערדיגע ארעסטען.

### פּרייסען וועט פערליכטערען דאס שטודירען די אויסלענדישע סטודענטען

בערלין (טעלעגראפיש דורך יט"א) דער פּרייסישער אינערן מיניסטער האט געהאלטען א רעדע אין דער בערלינער אקאדעמיע אין וועלכע ער האט געזאגט, אז עס וועלען אנגעווענדעט ווערען אלע פערלייכטערונגען פאר אויסלענדישע סטודענטען, וואס ווילען שטודירען אין פּרייסען. עס וועלען געגעבען ווערען אלע בעהעגונגס-פּריווילעגיעס אין הסכם מיט'ן גיזעץ פון טאלעראנץ און דער פאלקס-מלוכה.

---

אחרי מחלה כבדה וממושכה נאסף אל עמיו ביום ו' כ"ה תמוז בעיר ברלין

ושם הובא לקבורות עטרת וראש משפחתנו התורני המופלג ו"א באמת

# יוסף מנחם בן ר' שלמה אליעזר ז"ל

# ראטבארד

בשנת השבעים ושלש לחייו

בצער עמוק מודיעים: בניו, בנותיו, חתניו, כלותיו, נכדיו ונינו

---




**Dr. M. Goldfarb**

זאוואדזקא 18. טעלעפאן 39-51.

הויט- האר- און געשלעכטס-קראנקהייטען

נעמט אן פון 9—12 פארם. און 5—8 אווענט.

פאר אנבעמיטעלטע — פרייזען ערמעסיגט.

---

LEKARZ-DENTYSTA

**P. ZYTNICKA - KAHANOWA**

pówróciła

Konstantynowska 9, telef. 33-53.

---

פלעגט די פיס

PEDICURE

**S. Łódzki**



Traugutta 5 (Krótka), m. 10

טעל. 87-36. נעמט אן פון 11—2 און 4—7 אוונט

גמויטענער אסיסטענט פאר פיסער עדעמען

(הינער-אויגען-אנשוועלס אין לענדען).

ספעציאליסט צו בעזייטיגען הינער-אויגען און הערנהויט

חי פרייזענחטאקסע נעזעל א ח ו ש ט פ ע ר צ ט ן

פעסטגעשטעלט די פיס.

---

וויכטיג פאר שניידער און שניידערינס

דערמיט מאך איך בעקאנט, אז אין מיין לאנגיעריגער דעקאטעזירער האב איך ערעפענט אנ'ערשטקלאסיגע פליסירערס און קארבירערס. קאנקורענץ-פרייזען.

וו. שניצער צעגיעלניאנא 47.

---

**Dr. P. Klinger**

ספעצ.-ארצט פאר הויט-האר- און געשלעכטס-קראנקהייטען

הייל מיט קווארץ-לאמפען.

אנדזשעיא 2, טעל. 28-82.

נעמט אן טעגליך פון 1,30 ביז 2,30 פאר דאמען, און פון 6—8 אוו. פאר מענער. זונטאג פון 10—12 פארט.

---

**Dr. Różaner**

ספעציאליסט פאר הויט-וועגערישע קראנקהייטען און מיננער-שוואכע.

הייטונג מיטן חשמל- שטראהלט און דיעטעריע

Dzielna 9 (Narutowicza) טעל. 28-98

פון 8—10, 5—8, פרייטאג 3—4.

---

**Dr. Roman Bornstein**

אינערליכע און נערוועו-קראנקהייטען

Ciechocinek — willa „Ormuzd"

---

**Dr. med. DONCHIN**

ספעציאל-ארצט פאר אויגען-קראנקהייטען.

צוריקגעקעהרט פון פוילען.

נעמט אן מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג פון 10 ביז 1 און פון 4—7 נאכט.

מאניושקי 1 Moniuszki טעל. 97-9.

---

**Dr. Z. Rakowski**

ספעציאליסט פאר אויערן, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייט

קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 91-97.

שפרעכשטונדען 12—2 און פון 5—7.

[illegible]

---

**Dr. med. A. Mazur**

ספעציאל-ארצט פאר שוינדעל, נאז און האלז-קראנק. ווי אויך שטים און ספראך-פעהלער

האט זיך איבערגעצויגען אויף

וולטשאנסקא 65

טעלעפאן אויך דורך פאבריק. 46) טעל. 66-01

נעמט אן פון 1½—12½ און פון 3—5 נאכט.

# 1800 ארבייטער פון פאזנאנסקי'ס פאבריק אפגעזאגט געווארען פון דער ארבייט

## ווער איז שולדיג אין די דאנערשטאג'דיגע געשעהענישען?

### וואס זאגען די לייטער פון די פראפ. פעראיינען?—וואס זאגט דירעקטאר וואלטשינסקי:

(:) צוליב די דאנערשטאג'דיגע געשעהענישען אין פאזנאנסקי'ס פאבריק, האט די דירעקציע אפגעהאלטען א ספעציעלע זיצונג, אויף וועלכער עס איז בעשלאסען געווארען אפצושטעלען די ארבייט אין דער שפינערײ.

צוליב דעם דאזיגען בעשלוס האבען פערלוירען ארבייט 1800 ארבייטער בעת די דאזיגע ארבייטער האבען פרטיש גארניט צו טאן מיט דעם וואס דער פאבריק...

...

ווען די געשעהענישען אין פאזנאנסקי'ס פאבריק האבען איין שטאט געמאכט א געוואלדיגען רושם. מען פערגלייכט זיי מיט די ענליכע געשעהענישען אין דער זעלבער פאבריק אין יאהר 1905.

...

(§) און שבת מיט'ן שלאגען די שפינערײ פון פאזנאנסקי'ס פאבריק...

...

וואס האט דער פאזנאנסקי'ס פאבריק—

# דער הייסעסטער טאג אין לאדז

## 40 גראד צעלזיוס אין זון

(—) נאך די גרויסע היצען, וואס האבען געהערשט דאנערשטאג און פרייטאג, האט זיך נעכטען די טעמפעראטור נאך מעהר אויסגעהויבען און האט מיטאגצייט דערגרייכט אין זון ביז 40 גראד צעלזיוס. נעכטען איז, אלזא, געווען אין לאדז דער הייסעסטער טאג פון היי-יאהריגען זומער.

אויך אויף היינט ווערט פאראויסגעזאגט א הייס וועטער מיט הארטע ווינטלען, וואס וועלען אבער אויף דער טעמפעראטור קיין השפעה נישט האבען.

# נעקראלאג

פון בערלין איז אנגעקומען די טרויעריגע ידיעה, אז דארט איז נאך א שווערער צווייטעגיגער קראנקהייט געשטארבען דער פריערדיגער לאדזער לאנגיעהריגער בירגער ר' יוסף...

...

די לויה איז פארגעקומען אין בערלין.

קנצב"ח

# FILM?

KAŻDY, kto się interesuje filmem bez względu na wiek i zawód, niech nadeśle swój adres i znaczek na odpowiedź. Wydawnictwo Propagandy Filmowej Kraków XI.

# טעאטער און קונסט

## פון יודישען טעאטער.

די ערשטע אויפפיהרונגען פון אמעריקאנער שוישפילער בעני אדלער און „אוריאל אקאסטא" און לעבינ'ס „דער איבריגער מענש" האבען צוגעצויגען, ווי מיר האבען געשריבען, א גרויס פובליקום, וואס האט דעם גאסט-שוישפילער אויפגענומען מיט גרויס וואריעמקייט און סימפאטיע.

אויך די אויפפיהרונגען פון מארגען שבת זיינען געווען מיט א גרויסען ערפאלג.

...

# אונזער מענדעלי-פרעמיע

צוליב דער גרויסער נאכפראגע אויף אונזער מענדעלי-פרעמיע, האבען פערשידענע קונדען און מיר האבען געמוזט אין פערלאג פערגרעסערן אונזער בעשטעלונג. מיר האבען ווידער ערהאלטען א פרישען טראנספארט פון די מענדעלי-ביכער און אלע אונזערע אבאנענטען און לעזער, וואס האבען ביז איצט די פרעמיע נאך נישט בעקומען צוליב דער דערמאנטער סבה, קענען זי איצט קריגען אויף די פריהערדיגע בעדינגונגען.

דער פערלאג „לאדזער טאגעבלאט"

# יודיש טעאטער

אין פילהארמאניע — נארוטאוויטש 20 —

גאסטראלען פון אמעריקאנער סטאר **בעני אדלער**

אויך נעמט אנטייל די בעקאנטע ארטיסטקע פון ווארשאווער טעאטער פרוי **שושנה**

היינט, זונטאג, דעם 15-טען 9 אהענד

## דער איבריגער מענש

מעלאדראמע אין 4 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון ז. ליבין

הויפטראל פילוסר—בעני אדלער.

מאנטאג, ד. 16. 9 אוו. גרויסע פאפולערע פארשט, פון 1 ביז 2.50

## אוריאל אקאסטא

טראגעדיע אין 5 אקטען פון גוטשקאוו. הויפטראל אקאסטא—בעני אדלער

דינסטאג, דעם 17. 9 אהענד לעצטער שלאגער פון אמעריקא

## דער איבריגער מענש

מעלאדראמע אין 4 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון ז. ליבין. הויפטראל פילוסר—בעני אדלער.

ס'נעמען אנטייל הה' בעזמאן, זעווקינא, מאלאראווסקא, פארעמטא, ח"ח אריעל, אייזענבערג, בערנבוים, באלבירסקי, האמבורגער, מאלאראווסקי, נעהויז, פאליאנסקי, צוויליך. געשעפטס-פיהרער בעזמאן. ביהנע-למטער: מאלאראווסקי. מוזיק. לייטונג ל. זעלמאן.

אלע פיעסען רעזשיסירט פון בעני אדלער. אימפרעזא.: סאלאמאו מוסטין

בילעטען אויף אלע פארשטעלונגען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

# אין שטורם פון ליידענשאפטען.

שפאנענדער ראמאן, פול שטוינענדע איבערלעבונגען און ליבעס-אוואנטורעס.

(80-טע פארזעצונג)

— אויב בייטאג קען שטעהן א בעט איז עס פאר מיר גענוג.

די בעל הסית'טע האט אנגעצונדען די לאמפען און איז ארויס פון צימער.

— א גוטע נאכט, האט נארדהיים אין א מינוט ארום געזאגט, און האט זיך אויפגעשטעלט.

— איך געה אויך מיט אמאל, האט קאראס געזאגט און איז אוועק מיט הערמאנ'ען.

ער האט נישט אבגעלאזט פון אויג זיין רעכען קאלעגע.

נארדהיים האט שוין פערשטאנען, אז ער וועט זיך פון איהם אזוי שנעל שוין נישט ארויסדרעהען.

...

— מארגען וועלען מיר שוין שלאפען צוזאמען, מיין ליבער, האט ער צו זיך אליין שטיל גערעדט, אז איך וועל דיך האבען אויף די אויגען וועל איך זיין זיכערער. געוועהנליך דארפט מען זיין מיט דיר זעהר פארזיכטיג! ווען דו וועסט זיך וועלען ארויסדרעהען שפילט בא דיר א מענש'ס לעבען קיין ראלע נישט.

פלוצלינג האט ער זיך צונעהערט. ער האט דערהערט פון דערוויטען א געריש פון געוועהר.

וואס איז דארט פארגעקומען אינגאנצען?

ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט א קוק געטון. נאר ער איז באלד מיט שרעק אבגעשפרונגען.

ער איז דערציטערט געווארען.

ער האט דערזעהן ארום הויז זשאנדארמען.

## 41-טע קאפיטעל.

### א נייע רעטעניש.

רידער, בערנארד און די פאליציאנטען האבען זיך אויפ'ן וועג בעגעגענט מיט די ציגיינער, וועלכע זענען געווען אין האטעל.

און ווייל די לעצטע האבען נישט געלאזט רעקווירירען זייערע פוהרען, איז בײַ זיי און די פאליציאנטען אויסגעבראכען א קריג, וועלכע איז איבערגעגאנגען אין א געשלעג.

די ציגיינער האבען זיך בעוואפענט מיט מעסער און שטיינער, די פאליציאנטען האבען ארויסגענומען זייערע שווערדען.

...

(פארזעצונג קומט.)

